CONTENTS:
1 LP
1 program notes (8 p.)

FOLKWAYS RECORDS FL 9947

# the poetry of ABRAHAM SUTZKEVER

## The Vilno Poet, reading in Yiddish

edited and annotated by Ruth Wisse

An illustration from SIBIR, by Marc Chagall



PJ
5054
S86
W57
1960
c.1
MUSIC LP

University of Alberta Library
0 1620 0506 6186

- The Schoolteacher Mira
- A Wagon of Shoes
- The Lead Plates of Rome Printing House
- So Should You Speak to the Orphan
- Yiddishe Gass
- Playthings
- Were I Not With You

- The Snows of Mount Hermon
- Deer at the Dead Sea
- Petitions on the Grave of Rabbi Simeon Yechoi
- The Well of Prophecy
- At the Memorial in Yad Mordecai
- In Sinai Desert

Descriptive notes are inside pocket

Irwin Rosenhouse

# ABRAHAM SUTZKEVER

FOLKWAYS RECORDS Album No. FL 9947
Copyright © 1960 by Folkways Records and Service Corp., 117 W. 46th St. NYC USA

LIBRARY
UNIVERSITY OF ALBERTA
UNIVERSITY OF ALBERTA
PJ
5054
S86
W57
1960
MUSIC LP

# The Poetry of ABRAHAM SUTZKEVER

## "The Vilno Poet"

Abraham Sutzkever, one of the foremost Yiddish poets in the world today, editor of the literary quarterly, Die Goldene Keyt (The Golden Chain) in Israel, is now on a lecture tour in Canada under the auspices of the Canadian Jewish Congress. Mr. Sutzkever has had the mixed fortune of being a personal witness to the two greatest events in recent Jewish history—the destruction of Eastern European Jewry and the creation of the State of Israel. He spent the war years in the Vilno Ghetto and later fought in the anti-Nazi partisan units of the Polish forests. In 1947 he moved to Israel, and for the past 12 years he has been a resident of Tel Aviv. Both these backdrops form the panorama of his poetry; after the war he wrote on the theme of **Vilno Ghetto, Geheimshtodt** (Secret City), and **Yiddishe Gass**, and his most recent book of poems **In Midbor Sinai** was written after the historic late autumn days of 1956.

Born near Vilno in 1913, Sutzkever spent his childhood in Siberia, where his parents fled in the wake of the invading German armies of World War I. His first long poem, SIBIR, commemorating these early years, has been illustrated by Marc Chagall, and will shortly be issued in English translation. Later he returned to Vilno and in his late teens, already a poet, he became a member of the group Young Vilno. Throughout the ghetto years, Sutzkever never ceased writing. One of his poems was written while he lay hidden in a coffin on which sat the head of the local Gestapo. In 1943 he escaped to the forests and fought with the partisans, and he was later called as one of the main witnesses at the Nurenburg trials. In 1946, via Lodz and Paris, he went to Israel.



EDITED AND ANNOTATED BY ruth wisse

J. L. Gordon, A. M. Dick, A. D. Lebenson, M. L. Lillienthal, Ab. Cahan and many other pioneering spirits of Jewish culture and literature are products of Vilno. A Rabbinical Seminary existed there since 1847, and in 1871 it was converted into the famous Vilno Teachers' Institute which has since graduated a number of Jewish social and political leaders.

Vilno was also the cradle of the Jewish Labor Movement. In 1897 the "Bund" (General Union of Jewish Workers in Lithuania, Poland and Russia) was founded in Vilno. Vilno was also one of the chief centers of the "Hoveve Zion" (Lovers of Zion) Movement (founded in 1884).

The Schoolteacher Mira

The Schoolteacher Mira, one of Sutzkever's best known poems, was written in the Vilna Ghetto in 1943. Mira, symbol of the courageous ghetto teacher, continues to lead her class although overnight their number has decreased by half. When of the original 130 only 40 remain, she finds the spirit to organize a holiday celebration, to teach the small choir a hopeful song of spring. Until the tragic end she devotes herself to her children and to their education.
Mira Bernstein, the Vilno teacher on whom this portrait is modelled, was also a member of the partisan group in the ghetto. Too weak to join her friends in the forests, she was deported and gassed in the chambers of Treblinka.

די לערערין מירע

מיט לאַטעס אויף לייבער, צעשניטן אין פאַסן,
מע טרייבט אונדז אין געטאָ, עס גייען די גאַסן.
די הייזער באַגלייטן אויף אייביק געזעגנט
און שטיינערדיק ווערט יעדער גזירה באַגעגנט.

אין תפילין ווי קרוינען מאַרשירן די זקנים,
אַ קעלבעלע גייט מיט אַ דאָרפסייד אינאיינעם.
אַ פרוי שלעפּט אַ גוסס פאַרקלעמט אין די נעגל,
אַ צווייטער — אַ בינטעלע האָלץ אויף אַ וועגל.

און צווישן זיי אַלע — די לערערין מירע.
אַ קינד אויף איר אָרעם — אַ גילדענע לירע.
אַ קינד אויף איר אָרעם, ביים הענטל אַ צווייטן,
אַרום די תּלמידים, באַגלייטן, באַגלייטן.

און קומט מען צו ייִדישער גאַס — איז אַ טויער,
נאָך וואַרעם דאָס האָלץ ווי אַ קערפּער אַ רויער.
און גלייך ווי אַ שליוז פאַר געטריבענע שטראָמען,
ער טוט זיך אַן עפן, פאַרשלינגט אין די תהומען.

מע יאָגט איבער חורבות אָן ברויט און אָן פייער,
דאָס ברויט איז אַ בוך, און דאָס ליכט איז אַ בלייער.
פאַרזאַמלט די קינדער אין חרובער דירה,
עס לערנט זיי ווייטער די לערערין מירע.

זי לייענט זיי שלום-עליכמס אַ מעשה,
עס פינקלען די קינדער און לאַכן בעת-מעשה.
זי פלעכט זיי מיט בלאָאינקע סטענגעס די צעפּלעך
און ציילט איר פאַרמעג: הונדערט דרייסיק די קעפּלעך.

צוגלייך מיט דער זון איז די לערערין מירע
שוין וואַך און זי וואַרט אויף די קינדערלעך אירע.
זיי קומען. זי ציילט. אָ, ניט ציילן זיי בעסער!
דורך נאַכט האָט דאָ צוואַנציק פאַרשניטן אַ מעסער.

איר הויט ווערט אַ שייב אין פאַרנאַכטיקע פלעקן, —
עס טאָר זיי ניט מירע די קינדער אַנטפּלעקן.
פאַרבייסט זי אַ ליפּ און מיט גבורה באַנייטער
דערציילט זי פון לעקערטן, מינטערט זיי ווייטער.

SIDE I

Band 1: The Schoolteacher Mira

Band 2: A Wagon Of Shoes

Band 3: The Lead Plates Of Rome Printing House Printing House

Band 4: So Should You Speak To The Orphan

Band 5: Yiddishe Gass

Band 6: Playthings

Band 7: Were I Not With You

SIDE II

Band 1: The Snows Of Mount Herman

SIDE II

Band 1: The Snows Of Mount Hermon

Band 2: Deer At The Dead Sea

Band 3: Petitions On The Grave Of Rabbi Simeon Yechoi

Band 4: The Well Of Prophecy

Band 5: At The Memorial In Yad Mordecai

Band 6: In Sinai Desert

# EAST POLAND

## WILNO, VILNO

Vilno, "Jerusalem of Lithuania," was always one of the most important cultural and spiritual centers for Lithuanian and Russian Jews. Jews settled there in the 14th-15th Century when Vilno was still the domain of the Lithuanian duchy. About 6,000 Jews lived in Lithuania at the end of the 15th Century, only several hundred of them in Vilno. But by 1764 there were 3,381 Jews in Vilno itself. During the 19th Century and up to the time of the First World War the number of Jews had grown rapidly, after that the percentage of Jews began to decline steadily. In 1897 Jews constituted over 45% of the entire population; by 1921 the percentage had dropped to 36%, and in 1939 it was as low as 30%.

Still, there were some 80,000 Jews in Vilno on the eve of the Second World War; almost all of them were murdered by the Nazis.

During the six centuries that a Jewish Community existed in Vilno, the Jews there experienced all sorts of hardships: fights with the Christian burghers who wanted to get rid of Jewish competition; decrees of the City Council prohibiting the Jews to conduct commerce or to enter trades and crafts, or to live in any part of the city outside of the narrow ghetto walls. However, in spite of all these persecutions, the Jews in Vilno developed a flourishing life. At the beginning of the 20th Century the Jews in Vilno occupied a very important economic position in the city. They owned 50% of the entire industry, and over 26,000 Jews were employed as workers. The Jews played an even greater part in the city's commerce.

In religious and spiritual spheres Vilno was of great importance in Jewish life in the time of the "Vilner Gaon" (1720-1797), in the period of the Haskala (Enlightenment) and in the time when modern social and national-cultural ideas and movements began to develop.

אין קינדערשיך אין אַלע
וואָס זע איך ניט קיין קינד?
וואָס טוט ניט אָן די כּלה
די שיכעלעך אַצינד?

דורך קינדערשיך און שקראַבעס --
כ'דערקען מיין מאַמעס שיך!
זי פלעגט זיי בלויז אויף שבת
אַרויפציען אויף זיך.

און ס'קלאַפּן די אָפּצאַסן:
ווהין, וווהין, ווהין?
פון אַלטע ווילנער גאַסן
מע טרייבט אונדז קיין בערלין.

7טן יאַנואַר, 1943

The Lead Plates of Rome Printing House

The huge Rome Printing House of Vilno was renowned for its beautiful and comprehensive editions of the Talmud. For over 100 years one edition after another had been printed from the lead plates. During the Nazi occupation of the ghetto, the Jewish partisans melted down these lead plates into bullets. The poet suggests that the spiritual and the courageous were melted together in the blazing fire, as had happened once before in Jewish history - in the battle for Jerusalem.

## די בלייענע פּלאַטן פון ראָמס דרוקעריי

מיר האָבן ווי פינגער געשטרעקטע דורך גראַטן
צו פאַנגען די ליכטיקע לופט פון דער פריי —
דורך נאַכט זיך געצויגן, צו נעמען די פּלאַטן,
די בלייענע פּלאַטן פון ראָמס דרוקעריי.
מיר, טרוימער, באַדאַרפן איצט ווערן סאָלדאַטן
און שמעלצן אויף קוילן דעם גייסט פונעם בליי.

און מיר האָבן ווידער געעפנט דעם שטעמפּל
צו עפּעס אַ היימישער, אייביקער הייל.
מיט שאָטנס באַפּאַנצערט, ביי שיין פון אַ לעמפּל —
געגאָסן די אותיות אַ צייל נאָך אַ צייל,
אַזוי ווי די זיידעס אַמאָל אינעם טעמפּל
אין גילדענע יום־טוב־מנורות — דעם אייל.

דאָס בליי האָט געלויכטן ביים אויסגיסן קוילן,
מחשבות — צעגאַנגען אַן אות נאָך אַן אות.
אַ שורה פון בבל, אַ שורה פון פוילן,
געזאָטן, געפּלייצט, אין דער זעלביקער מאָס.
די יידישע גבורה אין ווערטער פאַרהוילן,
מוז אויפרייסן איצטער די וועלט מיט אַ שאָס!

און ווער ס'האָט אין געטאָ געזען דאָס כּלי־זיין
פאַרקלאַמערט אין העלדישע יידישע הענט —
געזען האָט ער ראַנגלען זיך ירושלים,
דאָס פאַלן פון יענע גראַניטענע ווענט.
פאַרנומען די ווערטער, פאַרשמאָלצן אין בלייען,
און זייערע שטימען אין האַרצן דערקענט.

12טן סעפּטעמבער, 1943.

So should you speak to the Orphan

The poet instructs the survivors of the ghetto disaster on how to answer the orphan's inevitable questions - Who am I? What is my Name? For whom do I exist?
Tell the orphan he is a small remaining part, a microchosm of the whole; that his name is nation, becamse the entire destroyed Jewish nation must continue to live in him; that he lives for the sake of those who grow from the roots of his heart, and for those who are alive, shaping their own destiny. The poem ends on a note of incredible faith, written as it was in the ashen days of the war's end. The orphan - or the poet - forsees what actually came to pass in the rebirth of the State of Israel - that he will fashion new lives instead of fresh graves, and build great cities with his own hand.

דורך נאַכט האָט אַ גראָקייט באַצויגן די הייפן,
און גראָ ווערט דער לערערינס האָר אויף די שלייפן:
זי זוכט אינעם קעלער איר מאַמען דער בלינדער —
צוזאַמען מיט איר פעלן זיבעצן קינדער.

ווען זון האָט די בלומען געטריקנט, האָט מירע
באַהאַנגען מיט גרינס די פאַריתומטע דירה;
— געקומען דער לערער גערשטיין, מע וועט זינגען
דער כאָר זאָל אַריבער די טויערן קלינגען.

שוין קלינגט עס: „ניט ווייט איז דער פרילינג". נאָר אונטן
די העק און באַגנעטן צעטרייסלען די גרונטן.
מע שלעפּט פאַר די האָר פון די קעלערן, לעכער.
„ניט ווייט איז דער פרילינג" פאַרקלינגט אָבער העכער.

שוין זעכציק פאַרבליבן אָן שוועסטער, אָן מאַמען,
די לערערין מירע איז אַלע צוזאַמען.
ס'איז נאָענט אַ יום־טוב, איז טייבעלעך קינדער
אַ פאָרשטעלונג דאַרף מען באַווייזן, געשווינדער!

צום יום־טוב — ניטאָ מער ווי פערציק. נאָר איטלעך
מיט ווייסינקן העמדל, מיט ליכטיקע טריטלעך.
די בינע איז פריש, מיט אַ זון, מיט אַ גאָרטן,
מע קען אַזש אין טייכל זיך אויסבאָדן דאָרטן.

ביים לייענען פּרצעס דריטע מתּנה
האָט אונטערגעזעגט דאָס געביי די סכּנה.
זיי האָבן געכאַפּט! און פאַרטאָג איז געבליבן
פון הונדערט מיט דרייסיק בלויז מירע און זיבן.

אַזוי ביז די האַק האָט צעשפּאָלטן דעם זינען,
איז מירע אַ בלום און די קינדערלעך — בינען.
שוין גראָ איז די בלום און פאַרוועלקט אירע גלידער
נאָר מאָרגן אין טוי וועט זי אויפבליען ווידער.

10טער מאַי, 1943

A Wagon of Shoes

This poem follows the rhythm of the wheels of a wagonload of shoes - the shoes of those of whom nothing remains but their shoes. A bride's shoes, children's shoes, his mother's shoes which she had permitted herself to wear only on the Sabbath,- driven from the narrow streets of Vilno to Berlin.

## אַ וואָגן שיך

די רעדער יאָגן, יאָגן,
וואָס ברענגען זיי מיט זיך?
זיי ברענגען מיר אַ וואָגן,
מיט צאַפּלענדיקע שיך.

דער וואָגן ווי אַ חופּה
אין אָוונטיקן גלאַנץ;
די שיך — אַ פולע קופּע
ווי מענטשן אין אַ טאַנץ.

אַ חתונה, אַ יום־טוב?
צי האָט מיך ווער פאַרבלענדט?
די שיך — אַזוינע נאָנטע
אויף ס'ניי איך האָב דערקענט.

עס קלאַפּן די אָפּצאַסן:
וווהין, וווהין, וווהין?
פון אַלטע ווילנער גאַסן
מע טרייבט אונדז קיין בערלין.

איך דאַרף ניט פרעגן וועמעס,
נאָר ס'טוט אין האַרץ אַ ריס:
אָ, זאָגט מיר, שיך, דעם אמת,
וווּ זענען זיי, די פיס?

די פיס פון יענע טופל
מיט קנעפּעלעך ווי טוי —
און דאָ, וווּ איז דאָס גופל,
און דאָרט, וווּ איז די פרוי?

## Yiddishe Gass

Yiddishe Gass, a street which was the centre of Jewish life in Vilno for more than three centuries, is invoked by the poet with the words - You have not vanished. He recalls the familiar landmarks, the inhabitants, the richness of life in the teeming quarter before its devastation during the holocaust. The poet, with a burning conviction, believes that this past will survive into eternity, will survive all ravages of hatred and of time.

### י י ד י ש ע  ג אַ ס

ביסט נים פֿאַרגאַנגען. דיין פּוסטקייט איז פֿול.
פֿול מיטן פֿאָלק ווי מיין אויג מיט דער מאַמען.
ערגעץ נאָך פֿלאַטערט אַ שיימע, אַ שול,
ס'האָבן אויף זיי נים קיין שליטה די פֿלאַמען.
איך וואָלט געשווירן: אומערדיש דיין גבול,
טיף אין געזען און וועט זיין — דיינע שטאַמען.
אָט איז די באָרד אויפֿן בלווילעכן ש"ס,
אָט איז דאָס הייליקע קרעמל מיט קוואַס.
יידישע גאַס.

דו ביסט דער ניגון, וואָס דורות צוריק
האָבן אַרויסגעשפּילט מיינסטער כלי־זמרים.
ס'האָט זיך פֿאַרשטעלט אין אַ גאַס די מוזיק,
בלויז פֿאַרן אָרעמען דאַכט זיך: ביסט אָרעם.
ווען ס'איז אָבער געשאָנקען דאָס גליק,
זאַמלט דיין פּראַכט מיט אַן אָפֿענעם אָרעם.
אָט איז די פֿאָנע פֿון בלוטרעגן נאַס,
אָט איז די לערערין מירע אין קלאַס.
יידישע גאַס.

אויב נאָר דיין שטערן־פּרוכת איז וואָר —
איז אויך דיין וואָר נים קיין חלום קיין בלינדער.
אָט איז דער נביא מיט שטיינערנע האָר,
מאָלט די נבואה פֿאַר נאַקעטע קינדער.
קען דען די וואָג פֿון אַ פֿינף הונדערט יאָר
ווינציקער וועגן פֿון פּיצל אַצינדער?
ווער זאָגט פֿאַרשוווּנדן? אַ ליגן, אַ שפּאַס,
ערגעץ נאָך בומקעט דער באַסער אין באַס.
יידישע גאַס.

לעבט נים דער ניגון, ווען טיף אויף זיין גרונט
שטראַלט דאָס געביין פֿון געפֿאַלענעם שפּילער?
שטיינערנע צערטלעניש וויקלט מיך רונד, —
מיך, דיין פֿאַרוואָגלטן, מיך, דיין דערפֿילער.
יידישע גאַס, לאָמיר שליסן אַ בונד!
לאָמיר דערהערן דיין אייביקיים, שטילער:
אָט ביסטו ווידער אַזוינס און אַזאַס,
העכער פֿון האַס און פֿון צייט דער מרשעת —
יידישע גאַס!

.1946

## Playthings

In the third of a series of poems, Father and Child, the father asks his child to take good care of her playthings, of the rocking horse, and of the dolls who have no mother of their own. He remembers with anguish a day in the ghetto at the height of the Nazi massacres, when there were seven streets filled with dolls, while in the city there remained not a single child.

ג. שפּילצייג

דייַנע שפּילצייַג, מייַן קינד, האַלט זיי טייַער,
דייַנע שפּילצייַג נאָך קלענער ווי דו.
און בייַ נאַכט, ווען ס'גייט שלאָפֿן דאָס פֿייַער, —
מיט די שטערן פֿון בוים דעק זיי צו.

### און אַזוי זאָלסטו ריידן צום יתום

...און אַזוי זאָלסטו ריידן צום יתום,
ווען יענער וועט הייבן פֿאַרחלשטע פֿויסטן
און פֿרעגן: ווער בין איך?

— דיין טאַטע האָט גלייביק פֿאַרהויבן זיין קאָפּ.
איבער אים איז אַריבער אַ פֿינצטער געפֿלייץ
פֿון קאָכיקן אַש
און צעשמאָלצענעם שוועבל.
און מיטגעשלעפּט אים,
זיין ווייב,
זיינע קינדער,
שול און בית־עולם.
און מיטגעשלעפּט אויך די פֿאַרגאַנגענע דורות,
און די, וואָס באַהאַלטן
אין טראַכט פֿון דער צוקונפֿט.
ווייל דער, וואָס קומט אום,
דערהרגעט די דורות
וואָס יזירן אין אים
און וואַרטן אויף אויסלייז, —
נאָר דו ביסט געבליבן,
ביסטו דער ירשן:
אַ זאָמענדל קדושה אין ווינטישע פֿינגער
פֿאַרברעקלט אויף שטיינערדיק־חרובע פֿעלדער.

אַ טיילכל, וואָס איז
אַ פֿאַרקלענערטע גאַנצקייט.

און אויב ער וועט פֿרעגן:
— און ווי איז מיין נאָמען?
ענטפֿער דעם יתום:
— דיין נאָמען איז פֿאָלק,
ווייל אַזוי האָט געהייסן דיין בערדיקער זיידע
אין אייביקן וואָגל אויף הינטישע וועגן.
און ווייל אין דיין טראָפּן
ראַנגלען זיך וועלטן,
און פֿעלקער דיך שלאָגנדיק
ווערן געשלאָגן
און פֿאַלן געבלענדטע
אויף אייגענע שווערדן —
איז וועב אין די נאַכטיקע פֿרעמדן
דיין פֿרילינג,
ריין ווי אַ קוואַל
קענן ליכט פֿון באַגינען.
ווייל דו ביסט אַ בלוטיקער נס
און אַלצייטיק —

אַ טיילכל, וואָס איז
אַ פֿאַרקלענערטע גאַנצקייט — — —

און אויב ער וועט פֿרעגן:
— פֿאַר וועמען?
איז ענטפֿער:
— פֿאַר יענע, וואָס וואָרצלען אַרויס פֿון דיין האָרץ
און וועלן דעם גייסט פֿון מיליאָנען
פֿאַרוואַנדלען
אין אַ וואַרעמער היים
פֿאַר אַלע יתומים.
פֿאַר די, וואָס אַליין וועלן קנעטן דעם גורל
נאָך אייגענעם חלום
נאָך אייַגענעם פֿורעם.
און דו, וואָס דיין נאָמען איז פֿאָלק,
און דיין פּנים —
אַ חרובע נעסט
אָן פֿייגל,
אָן טענער, —
קלעטער אַרויף אויף די טרעפּ פֿון דער נאַכט,
באַגעגן דעם אויפֿגאַנג
און שריי אים אַנטקעגן:
— רייניק מיך, זון, אויף דאָס נייַ
און זיי מוחל,
אַלץ וואָס געווען איז דעם גורלס אַ טעות.
— — — — — — — — — — — — — — —

כ'וועל צוגרייטן אמתע טעג אַנשטאָט קברים,
כ'וועל אויסבויען אייגענע שטעט מיט מיין אָרעם.
און דאָרטן וועט קומען די אייביקייט וווינען
און טעג וועלן לייכטן אין גילדענע קרוינען!

12טן פֿעברואַר. 1943



ווילנע: אַ אידישער הויף (ר. ווישניאַק).

A JEWISH COURTYARD (R VISHNIAK)



ווילנע: יוליוס קלאַטשקאַ־גאַס
(פאָטאָ ר. ווישניאַק).

THE JULIAN KLATCHKO STREET. (R. VISHNIAK)



ווילנע: אַ האַנדלס־הויף (פאָטאָ ר. ווישניאַק).

COMMERCIAL BACKYARD. (R. VISHNIAK)



ווילנע: דער אריינגאַנג צו דער
שול (ר. ווישניאַק).

THE SYNAGOGUE ENTRANCE
(R VISHNIAK)

## Deer at the Dead Sea

At sundown the gentle deer come to the shore of the Dead Sea, refresh themselves lapping up the cool, rose-tinted water. And there they are wedded to the stillness.
When they finish, they run off. But the deer-like rays of the setting sun on the water remain, "licking the stillness of those who have gone.

הירשן ביים ים־סוף

דער זונפאַרגאַנג האָט זיך פאַרעקשנט מיט העזה
צו בלײַבן אין ים־סוף ביי נאַכט, ווען עס קומען
צום פּאַלאַץ פון וואַסער — די אומשולדיק ראָזע,
די איידעלע הירשן צו שטילן דעם גומען.

זיי לאָזן די זײַדענע שאָטנס ביים באָרטן
און לעקן אין ים־סוף די רינגען פון קילקייט
מיט פידלענע פנימער לאַנגע. און דאָרטן
געשעט די פאַרקנסונג בײַ זיי מיט דער שטילקייט.

גענענדיקט — אַנטלויפן זיי. רויזיקע פלעקן
באַלעבן דעם זאַמד. נאָר עס בלײַבן פול יאָמער
די זונפאַרגאַנג־הירשן אין וואַסער און לעקן
די שטילקייט פון יענע, וואָס זענען ניטאָ מער.

### Petitions on the Grave of Rabbi Simeon Ben Yechoi

According to legend, Rabbi Simeon Ben Yechoi is the author of the Zohar, the source book of the Kabbalah. Every La'ag B'Omer, on the anniversary of the Rabbi's death, thousands of Jews visit his grave in Miron near Safed in Israel, write out their petitions to God on scraps of paper, and leave them on his grave. The good Rabbi comes forth from his resting place and reads the petitions of the many Jews come together from various lands, written in numerous languages - Indian, Yiddish, Aramaic. With lyric humour the poet ends, suggesting that the Rabbi is pleased to find among the thousands of petitions, some also in Hebrew.

### די קוויטלעך אויפן קבר פון רב שמעון בן יוחאי

אויף מצבה־שטיינער בלאָע
פון רב שמעון בן יוחאי
ליגן קוויטלעך אַלערליי,
אָנגעטרערנט,
אָנגעשטערנט
און געחתמעט זענען זיי:
אינדיש,
יידיש,
אַראַמעאיש
און אַ קאַפּעטשקע העברעאיש.

ווען די נאַכט, געשפּינט פון זיפצן,
היילט אין הייליקט די גאולה,
ביי ל״ג־בעומרדיקע יידן
איינגעזויגן אין הילולא —
דעמאָלט שפּאַלטן זיך די שטיינער
און מיט זיידענע אַזעלכע
זיידע־פינגער -- קלייבט רב שמעון
די אַרויסגעבליטע קוויטלעך
און ער לייענט זיי געמיטלעך
ביי דעם אָפּשיין פון הילולא.

זיינע אויגן שמייכלען קינדיש
און ער בענטשט אַן אינד אויף אינדיש.

אָט אַ לשון פול מיט חידוש
און ער בענטשט אַ ייד אויף יידיש.

לאָז דעם גאָלדענעם פערדעלע נאַשן
די פאַרוואָלקנטע זיסקייט פון גראָז.
און דעם ייִנגל טו אָן די קאַמאַשן
ווען דער אָדלער פון יַם גיט אַ בלאָז.

און דײַן ליאַלקע טו אָן אַ פּאַנאַמע,
און אַ גלעקעלע גיב איר אין האַנט,
ווײַל ס׳האָט קיינער פון זיי ניט קיין מאַמע,
און זיי וויינען צו גאָט בײַ דער וואַנט.

האָב זיי ליב, דײַנע קליינע בת־מלכּהס,
איך געדענק אַזאַ טאָג — וויי און ווינד —:
זיבן געסלעך און אַלע מיט ליאַלקעס
און די שטאָט איז געווען אָן אַ קינד.

### Were I Not With You

The poet, having survived the Vilno ghetto, is "reborn with the land" upon his arrival in Israel, "where every stone is my grandfather". This is the first poem Sutzkever wrote after coming to Israel in 1947.

ווען כ׳וואָלט ניט זײַן מיט דיר בײַנאַנד,
ניט אָטעמען דאָס גליק און וויי דאָ, —
ווען כ׳וואָלט ניט ברענען מיטן לאַנד,
וואָלקאַניש לאַנד אין חבלי־לידה;
ווען כ׳וואָלט אַצינד, נאָך מײַן עקדה,
ניט מיטגעבוירן מיטן לאַנד,
וווּ יעדער שטיינדל איז מײַן זיידע —
געזעטיקט וואָלט מיך ניט דאָס ברויט,
דאָס וואַסער ניט געשטילט מײַן גומען.
ביז אויסגעגאַנגען כ׳וואָלט פאַרגוי׳ט,
און בלויז מײַן בענקשאַפט וואָלט געקומען...

1947

### The Snows of Mount Hermon

From the distance the poet sees the snowy peaks of Mount Hermon. They remind him of his childhood years in Siberia, and of his experiences as a partisan in the winter forests of Poland where so many of his fellow Jews were buried in the snow. He asks a bird - that same bird of H.N.Bialik's first poem, "To the Bird", to bring him some snow on its thin little wings, because without this "snow", and the memories it evokes, "it will be cold in the flaming State of Israel".

### דער שניי אויפן חרמון

מאי קאָ משמע לן דער שניי, וואָס אויפן חרמון אויבן?
ער אַנטפּלעקט מיר אַ באַשנייטע, אוראַלטיקע כאַטע,
ווען באַגאַרטלט מיט אַ זעג עס קומט אַריין מײַן טאַטע,
און די זון, וואָס בלאָנדזשעט איבער וועלדל אויף די שויבן,
פינקלט אין זײַן באָרד, זײַן אָנגעאײַזיקטע, אין כאַטע.

ער דערמאָנט מיר אָן די יידן, וואָס ווי שנייען קלאָרע,
זענען זיי געפאַלן שטומערהייט אַ גאַנצן ווינטער
און זיי ליגן הינטער מײַנע שוואַרצאַפּלען, — אַהינטער,
בענקען, אַז אַ פרילינג זאָל זיי מאַכן אַ הזכרה.
נאָר איז דען פאַראַן אַזאַ מין פרילינג אַ צעגרינטער?

פויגל פונעם חרמון! וואָס איך האָב געשלאָסן קאַנטשאַפט
נאָך אין אל הצפור מיט דײַן האַרציקער נגינה, —
ברענג אַ שניי אַ קינדישן אויף דײַנע פליגל דינע
פון מײַן היים, דער עיר ואם, — וועט ליבער זײַן די לאַנדשאַפט.
אָנעם שניי וועט קאַלט זײַן אין דער פלאַמיקער מדינה.

1948

א דענקמאָל פאַר אונדז, אַז מיר זאָלן געדענקען
דעם פעניקס, געבוירן אין אַש פון דער וועלט —
אָ, לאָמיר זיך אַלע פאַרקלײַבן אויף מילע,
מילע־גאָס אַכצן — איעדער געצעלט,
און לאָמיר באַזונדער און לאָמיר צוזאַמען
זיך פילן ווי אותיות אין יענער מגילה —
און לאָמיר זיך קאָרטשען אַ ווײַלע אין פלאַמען!

*

...מיר זענען דער דענקמאָל וואָס וועט ניט פאַרשווינדן,
ס'באַשיצט אונדז דאָס פײַער פון מילע־גאָס אַכצן.
די אייניקלעך־מאַמעס מיט אונדז וועלן צינדן
די בענטשליכט פון לעבן אין פרײַטיק־צונאַכטסן.

1951

## In Sinai Desert

When the Israeli forces marched into the Sinai desert in 1956, Sutzkever was with them, and this poem is the result of that pilgrimage. Attention has been drawn to the form of the work, written in 10 stanzas of 12 lines each. Both numbers are evocative of "Sinai" where the Ten Commandments were given through Moses to the 12 tribes.
The poet walks with the young soldiers through the desert, through the pages of the Bible and the tragedies of his immediate past. Of the original tribes there are now representatives of all the countries of the world. The prophecy of the dead bones has been fulfilled: from a decimated Jewry has arisen a new nation, whose youth is now retracing the steps of their ancient forefathers.

The climax of the poem coincides with the poet's arrival at the holy mountain "more beautiful than all the others".
"A drop of blood points out-you're that one, that one,
Just as the magnet's needle points due north".
In powerful, humble stanzas, the poet renews the bond with God at Sinai, asking for peace, that "the red sands become green".
As night falls a soldier climbs to the top of the mountain to plant the Israeli flag; it seems to the poet that an unseen hand takes it from him... and blesses the young hero.

א

די טרער די בענקענדיקע אויף מײַן וויע
איז אַלט ווי דו. פון דור־המידבר שטאַמט זי.
אַ לויב דער קלײנער טרער, וואָס האָט די זכיה
צו זען, אַז איך אין דײַן זכרון פלאַמט זי.
געשלײַפלטער גראַניט איז דײַן זכרון.
דײַן פּראַכט איז אַ פאַרצערנדיקער פײַער.
און ווי אַמאָל איך קני בײַם נחל פאַרן
און טרינק די שטאַרקע אייביקייט אויך הײַיאַר.
אָ, גאָט מײַן גאָט, מיט וואָס בין איך דאָס זוכה,
אַז איך, ביז־האַלדז־פאַרקנאַטעטער אין גושן,
זאָל קומען צו דעם אָפּקלאַנג פון אָנכי,
זאָל קומען ווו די פליגל דײַנע רוישן!

ב

בײַ־סאַנאַפיר, דער אינדזל פון קאָראַלן,
די שטערנקרוין אַנטקעגן שלמהס בוכטע, —
דײַן שאָטן שווימט אין ים, באַזוימט מיט שטראַלן,
און קלאַנגען אונטער זיי — אין זיך געזוכטע.
איך האָב אַ האַנט געטונקען אין אַ כוואַליע:
— אַ שפּליטער, זאָל די האַנט ניט בלײַבן ליידיק...
אין ים־סוף האָט אַ פּורפּורנע פּמליא

קיין עין הרע
יידן גאָרע,
נאָר די ברכות ניט צעמישן.

און ער פרייט זיך, וואָס צעווישן
אינדיש,
יידיש,
אַראַמעאיש,
איז נאָך דאָ אַ טראָפּ העבּרעאיש.

1951

"The Well of Prophesy"

In "The Well of Prophecy" the poet sees a vision of the first Jew, the patriarch Abraham, in his first meeting with God, face to face. The poet hears God's first call: Ab-ra-ham -- he hears it near the well of prophesy in the desert, and the well is like "the tongue of God". And the poet also hears the soft answer - Here am I - because "Someone must forever answer, Here am I." The poet's given name is also Abraham ...

„דער קוואַל פון נבואה"

פאַרפלאָנטערט אין זאַמדיקע פלאַכן, ווי בלינדע הירשן מיט פלאַמענדיקע הערנער, קאָרטשען זיך די אָפּשטראַלן פון טאָג אין בײַנאַכטיקן מידבר.

צו וועמען איז דער מידבר געגליכן?

צו אַ ריזיקן מזבח פון דימענט, ווו די נאַכט ברענגט פאַר אַ קרבן אירע יונגינקע שטערן.

אין דער שטילקייט דערהער איך אַ שטים:

— אברהם!

און באַלד קומט די שטים דײַטלעכער און זינגעוודיק צעצויגענער:

— אב—ר—הם!

דאָס בלוט — פאַר אַן אָפּגרונט. די קני בייגן זיך:

— הנני...

אַ האַנט נעגלט זיך אַרײַן אין מײַן האַרצן. דערלאַנגט מיך אַ ציִ אַהין, צו דעם בת־קול.

נענטער. נענטער. נענטער.

איך דערזע דעם געוויסן פון מידבר: אַ פּעלדז. אַ קוואַל, ווי דער צונג פון גאָט, שפּרודלט אין זײַנע שפּאַלטן. און דער קוואַל, בײַם טרינקען די מידבּרדיקע שטילקייט, רופט עס מיך בײַם נאָמען.

ס'איז „דער קוואַל פון נבואה".

אַזוי האָט ער גערופן בײַם נאָמען מײַנע זיידעס.

אייביק מוז עמעץ ענטפערן: הנני...

## At the Memorial in Yad Mordecai

At the memorial for Mordecai Anielewitz - one of the leaders of the Warsaw Ghetto uprising - which stands in the Kibbutz Yad Mordecai in southern Israel, the poet sees the survivors of the great disaster as the living and permanent memorial of those tragic years, the memorial which will not vanish but will be rededicated when
"Our grandchildren - mothers will kindle the lights
The candles of life on Friday nights".

בײַם דענקמאָל אין יד־מרדכי

אַצינד ווען מיר שטעלן די טויטע אַ דענקמאָל,
די טויטע, וואָס האָבן בײַם פאַלן געשטעלט

געשפּילט אויף מײַנע פינגער ליב און פרײדיק.
און ווײַטער, ווײַטער האָט עס מיך געצויגן,
צום לעבעדיקן קוואַל פון קלאַנג און ליניע — —
און מלכּת־שבֿא, מיט פּערל אין די אויגן,
אַנטהילט די ברוסט, קומט־אָן פון אַבעסיניע.

ג

מיט יונגן צה״ל קלעטער איך צוזאַמען.
קאַראַלענע די בערד. אין שטויב דער לאַגל.
— אַז דו וועסט אומעטום אַ שעה זיך זאַמען,
גדויערן וועט פערציק יאָר דער וואַגל.
עס וויל דעריאָגן אירע פיס אַן אינדין —
זיי זענען ווײַטער פון איר בליק און דינער.
און דין־דין קלינגט אַ גאָלדן גלעקל, דין־דין —
אַ קעמל רופט זײַן טויטן בעדויִנער.
אַ טאַמאַריסק. אַ שלאַנג אַרום די צווײַגן —
דאָס בלינצלט נאָך צו מיר אַ שפּור פון בַעַל...
דער קעמל שטעלט זיך אָפּ. און מיר — מיר שטײַגן,
און ס׳גייט אַ וואָלקנזײַל פאַרויס דעם צה״ל.

פֿון שבֿטים צוועלף — אַ גאַנצער קיבוץ־גלויות.
די שבֿטים האָבן זיך צעטיילט אין שבֿטים.
בײַ דײַנע קינדער טוישן זיך די ראַליעס.
די בלאָזט אין ביינער טרוקענע דײַן אָטעם.
אין הײַטע זאַמדן שווימען שטעט און לענדער.
אַ קינד. אַ מאַמע. ברענענדיקע שײַטן.
און ווי די ליפּט, אַן שאָטן, אַן געווענדער,
איז דורכזיכטיק די צײַט פאַר אַלע צײַטן.
אין מידבר סיני ווערט דײַן אומה יינגער,
און דײַן געבאָט, אין בלעטער פעלדז — דײַן פּינקס,
פאַרקריצן מיט אַ פײַערדיקן פינגער
סקעלעטן פון די געטאָס און טרעבלינקעס!

ה

די אײַנגעקריצטע שריפט וועט בלײַבן אייביק,
פאַרזיגלט אין גראַניט מיט מאַכט און דעה.
און ווי אַ לייבינטע וועט ברומען לייביק
פון ראַס־אַל־נקב דורך קדש־ברנע. —
אַזאַ געזאַנג נעמט זינגען אין די גלידער,
ווי בליצן וואַלטן עס אין מיר געזונגען!
גאָר הויך — די זון. אַ נאַכט איז אין דער נידער.
און רויטע הירשן זעען אויס די יונגען.
דאָס איז דער טאַל פּיראַן. אַ לייטיק נאַסע
די ערד. אַ מאַנדלבוים. עס בלעקן רינדער.
און ס׳פאַלט די זון אַראָפּ פון אַ טעראַסע,
און אויף די אַקסלען כאַפּן זי די קינדער.

האָסט אויפגעוואַכט אין סיני, אל־נקמות,
ווען צו דײַן באַרגשפּיץ האָט זיך שוין געהויבן
דײַן טויטער פאָלק, דער באַרג פון די עצמות —
אַ יאָמערבאַרג פון אומשולדיקע טויבן!
ס׳האָט אונטערערדיש קינדערבלוט־געריזל
דערוואָרעמט מיט באַלעבנדיקע שטימען
די אָדערן אין דײַן גראַניט און קיזל,
און האָסט אַנטפּלעקט דעם צווייטן באַרג דײַן סימן:
צעטראָטענע ווי שפּילצײַג אונטער זוילן —
צעטרעטן איצט אין סיני טויט און פּחד.
און אויף די ליפּן גליִען דײַנע קוילן,
און מיט די קינדער ביסטו זיך מתיחד!

ו

ז

מען גיט דיר נעמען: סערבאַל, דזשעבל מוסאַ...
איך פיל דעם באַרג. פון אַלע איז ער שענער.
דו שטייסט מיט קופּערפעלדזן בחברותא —
אַ טראָפּן בלוט ווײַזט אָן: ביסט יענער, יענער.
איך האָב שוין ווען געהערט די זעלבע טענער,
אַ, בלינדערהייט וואָלט איך צו דיר געטראָפן!
אַ טראָפּן בלוט ווײַזט אָן: ביסט יענער, יענער,
ווי ס׳נעדעלע מאַגנעט ווײַזט אָן דעם צפון.
עס שטעלט זיך אָפּ די זון. זי גייט ניט אונטער.
און אויף אַ שטיין־מזבח, דיר צופוסן,
אַ גלות־קינד, אַ זעלנער אַ פאַרוואונדטער,
און שיקט פון דיר אַהיים די לעצטע גרוסן.

ח

דער באַרג! דער באַרג! די שטילקייט בליט מיט בשׂמים
פון אַלע דורות. דימענטענע ריינקייט.
דער באַרג! דער באַרג! די זון גיט אַ באַשטראָם אים.
צעשמאָלצן ווערט איר שליטה אין זײַן שיינקייט.
און איבער אים צוויי שטראַלנדיקע לייטערס —
און טריט, וואָס בלויז מען פ י ל ט זיי אויף די שטאַפּלען.
אַ קלאַנג... עס בלאָזן קופּערנע טרומייטערס.
אַ קלאַנג... און סנהען ווערן די שוואַרצאַפּלען.
אַ פּראַסטיק זילבער שלאָגט פון זײַנע שפּאַלטן,
און אויף מײַן רוקנביין לויפט דורך אַ ציטער,
ווי דאָס וואָלט מיך זײַן גײַסט, אין פעלדז באַהאַלטן,
באַרירט מיט דער הסכּמה פון געביטער.

ט

— טו אויס די שיך און שטעל זיך אין אַ שורה,
טו אויס די שיך און זאָל דאָס זאַמד דיך שווענקען.
אַצינד איז דאָ די צײַט פון מתּן־גבֿורה.
די שטילקייט איז אַ תּהום. אַ תּהום פון בענקען.
און אויבן, אויף די שטראַלנדיקע לייטערס,
אַ תּפֿילה קלעטערט פון די סאַמע טיפן,
ווי ס׳וואָלט אין הארץ, בײַם קלאַנג פון די טרומייטערס,
אַ דימענט אָן אַ דימענט זיך געשליפן:
זאָל רו און שלום קומען שוין געשווינדער.
פון באַרג אין סיני — בלאָז אַוועק די שׂינאה.
פאַרשנײַד אויף ס׳נײַ אַ בונד מיט דײַנע קינדער,
און זאָלן רויטע זאַמדן ווערן גרינע!

און פליִצעס קומען אויפן באַרג די שטערן,
צונויפגעוואַנדערט פונקט ווי מיר פון גלות.
באַנומענע פון ליכט, מיר זעען, הערן:
די מענטשן ווערן איינס מיט די מזלות.
און אויפן באַרג, דורך בליצנדיקער אימה,
אַ ייִנגל מיט אַ פאָן. ער גיט זי איבער
אַ האַנט, וואָס נעמט זי אויבן אַ געהיימע,
און זאַלבט מיט אייביקייט, און בענטשט דעם גיבור.
און ווער עס האָט געזען די נאַכט אין סיני,
געדענקען וועט דער סיני אויך זײַן נאָמען.
און ווער עס האָט געזען די פּראַכט אין סיני,
וועט קענען טויזנט יאָר דערציילן. אָמן.

נאָוועמבער, 1956